STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02602

KOLIRN UN KLANGEN

Rivka Kope

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאָלירן און קלאַנגען

מיינע קליינע מיידעלעך

נחמה און אורה

5

רבקה קאָפּע

קאָלירן און קלאַנגען

פּאַריז

1967

אינהאַלט:

זייט

קאָלירן און קלאַנגען	11
זיי געבענטשט	12
נחת	14
איר נאָמען	15
אַ רעגנדל	16
הענטלעך־שפּיל	17
צוויי שוועסטערלעך	18
אַ מעשהלע	20
אַ קוש	21
ליאָרעליי	22
מיין ביימעלע	23
דאָס קינד גייט שוין	24
ביינאַכט	25
פרימאָרגן	26
מאַמעליד	27
ברוגז	28
אַ שטיבעלע	30
זמירל־פויגל	31
ווען ס׳קינד רעדט	32
אַ מאַמע אָן קינדער	33
אַ קינד	34
מאָלצייט	36
אורה	37
קינדער־מאָטיוו	38
הינטלעך	39
ווען ס׳קינד שלאָפט	41
ווינטער	43
נחמהלען — צו איר ערשטן געבוירן־טאָג	44
גוט נאָוונט שמעטערלינג	45
דער זייגער	46

פלאַטערלעך 48
חוהלע 49
אַ באַנאַנע 50
דודל 52
מיכעלע 53
אַן אײעלע 54
ס׳קינד טאַנצט 56
פרילינג 58

קאָלירן און קלאַנגען

מיין קינדס קינדעלע הייסט נחמה
און רופן, רופט מען זי „נאַדין״. —
איך ווייס נישט צי ס׳איז מיין מאַמעס נשמה,
איך ווייס נאָר, אַז ס׳קלינגט ווי גן־עדן...
מיין קינדס קינדעלע וואַקסט און פריילינגט
און רעדט מיט געלעכטער צעשאָטן.
איז יעדער זאָג מיט נחמה פאַרצווייליגט
און מען קאָן דאָס אויפציען אין נאָטן...
מיין קינדס קינדעלע שיט מיט קלאַנגען
און אויב איר ווילט אויך מיט קאָלירן.
ווען זי וועט נאָר צו ווערטער דערלאַנגען,
וועל איך פאַר אייך זיי אויפשנירן...

זיי געבענטשט

זיי געבענטשט
אונטער דעכעלע
פון מאַמעהענט,
שלאָפנדיק מיידעלע מיינס!

דער ווינטער
גרויט אַריין אין דיין וויגעלע,
נאָר איבער דיר
בלויט אַרויף אַ טרוימעלע,
שלאָפנדיק מיידעלע מיינס.

דורכן פענצטערל
פון דיין טרוימעלע
דרייען זיך מלאכימלעך;
פאַרציט אַ שמייכעלע
אַ זיידן שלייפעלע
אויף דיינע ליפעלעך,
שלאָפנדיק מיידעלע מיינס.

דער אויוון שפינט
אַ פייער־מעשהלע
פון צייט.
ס'האָט דיין מאַמע שוין
דיינע מאָרגנס אויסגעוועלבט
און אַ שוצפאַנצער
פאַר זיי געשמידט...
שלאָפנדיק מיידעלע מיינס.

דער ווינטער
קורטשעט זיך — אַ שילדקרויט.

נאָר ווען דו
די אייגעלעך פּעכערסט אויף,
פּיקט אַ פּרילינג זיך אַרויס
און בלאָזט די פליגלען אויף,
שלאָפנדיק מיידעלע מיינס.

ווען דו
די אייגעלעך ליכטיקסט אויף,
שפּיגלען ווייסע עכאָס אויף
און אַ פּאַראַד פון קאָלירן
באַשופנט די לופט.

טאַנצן וואַסערלעך
אַרויף, אַראָפּ,
אַ טאָג, אַ טאָגעלע.
וויקלט זיך — און אָפּ!
צאַפּלען, שנירלען זיך
אָפּ און אויף —
און דיין קלאַפּנדיק הערצעלע
אַנטקעגן גייט
דעם באַרג אַרויף, אַרויף...

נחת

ס׳ערשטע שמייכעלע פון קינד
איז אַ צירונג
אינעם קעסטעלע פון מאַמעס האַרץ.

ס׳ערשטע טריטעלע פון קינד
איז די ליכטיקע ווענוס
אויפן אייגענעם הימל.

דער ערשטער וואָרטקלאַנג,
איז אַ לעבעדיקע פּערל
אין דער שורה פון שטאַפּלען —

און ס׳לויפט די מאַמע ווי אַ הירשין
אויף שטיגן פון פרייד,
מיט שטאָלץ אין די שוואַרצאַפּלען.

איר נאָמען

טייכעלעך האָניק איר נאָמען —
איר וועט פאַרגעדענקען מסתמא! —
נאָר איך וועל כסדר דערמאָנען
דאָס מלאכל־קינד, מיין נחמה.

פאַר איך כ׳וועל ווי גלעקלעך צעוויגן
דעם קלאַנג פון די ערשטינקע ציינדלעך;
די חכמה־שטראַלן פון וויגל
מיט אַלע געבוירענע חנדלעך.

דאָס פּליעסקען מיט זיידענע הענטלעך,
דאָס שווימען מיט פיסלעך און שטיפן —
דאָס זענען די גאָלדענע רענדלעך,
וואָס זון וואַרפט אין סטאַוו אינעם טיפן.

פון די שפּיגעלעך פון אירע אויגן —
צוויי שעפּסעלעך הימלדיק בלויע —
אויף בריקלעך פון אַ רעגן־בויגן
וועל איך פאַר אייך וועלטן ניי בויען!

אַ רעגנדל

אין דרויסן לויפט אַ רעגנדל,
איז גוט אין שטוב צו זיצן
און זען ווי רעגן־נעדעלעך
צעהעפטן וואַסער־קריצן.

צו זען אַ פּאַלמע־ביימעלע
אין פרענזעלעך זיך צירן —
און הערן אויף די בלעטערלעך
די טראָפּנס מוזיצירן.

צו זען ווי ס׳קלויבן טראָפּנדלעך —
אַ הענטל וואָלט איך שווערן
און איבער יעדן בעטעלע,
פאַרזייט אַ הימל שטערן...

הענטלעך־שפּיל

אין דעם קליינעם קינדער־וועלטל
עפנט ווידער זיך אַ שפּעלטל;
פֿאַלן אָפּ די קאָרטן־ווענטלעך,
פֿאַלט פון הימל אַ פּאָר הענטלעך...

ברענגט אַ בלויער מלאך וווּנדער,
אַ פּאָר הענטעלעך פֿאַר קינדער.
שפּילן הענטלעך ציטערלעך,
ראָזע זיידן־פּליטערלעך.

נאָך אַ טאָג זיך אויסגעבויט,
נאָך אַ פרייד — אַ ליכטיק קנויט.
איבער וויגעלע געבויגן,
שטראַלט די מאַמע — רעגן־בויגן.

אויסגעשפּאַנט זיך נאָך אַ וואָך,
— איי, פֿאַרשפּילן זיך דעם יאָך! —
נאָך אַ רינגל צו די חנדלעך
און אַ לאַך טאָן וועלן ציינדלעך...

צוויי שוועסטערלעך

נעדעלע, נעדעלע,
לויף גיך אין זייגערל
און ציקל אַ קלאַפּעלע אויס.
איך וואַרט אויף מיין מיידעלע
מיט צעפּעלעך זיידענע,
וואָס קומט פון דער שולע אַרויס.

נעדעלע, נעדעלע,
סילע מינוטעלעך
ווי אויף אַ פּאָדעם אַרויף.
זיי זשע מיר, זייגערל,
זיי מיר אַ גוטינקער
און גיב מיר די שעה אַ קלונג אויף.

נעדעלע, נעדעלע,
וואַרף אין אַ מעסטערל,
שיט אָפּ די רגעס ווי דזשעט.
קום־זשע שוין, מיידעלע,
ס׳וואַרט דאָך דיין שוועסטערל —
אַ בערעלע אונטערן בעט...

קלאַפּן ווי קלעפּערלעך
פּיסלעך אויף טרעפּעלעך,
אייגעלעך שטראַליק צעברענט.
צוויי קליינע וועלטעלעך
שפּילן באַהעלטעלעך
און ס׳לאַכן פון עכאָ די ווענט.

Benn

אַ מעשהלע

אין דרויסן וואָיעוועט דער ווינט,
ווי אַ הינטל האַווקעט אויס —
עס שטריקט די מאַמע פאַרן קינד,
ס'וואַקסט פון ווינדעלע אַרויס.

דערציילט די מאַמע אַ מעשהלע,
אַזוי שיין און אַזוי גרויס —
אַז ס'וואַקסט פון אויגן־ווייסעלע
אַ פּאָר לבנות אויס...

דערציילט די מאַמע אַ מעשהלע,
און ס'קינדעלע הערט זיך איין:
„אַ ציגעלע אַ ווייסעלע"
און ס'קינדעלע שלאָפט שוין איין...

אַ קוש

מען פֿאַרציט נחמהלען,
גלאַטיק ווי אַ בלומענפּליוש,
שטרעקט זי שוין איר הענטעלע,
מ׳זאָל אַריינלאַכן אַ קוש.

ווער־זשע שפּילט אַריין אַצינד
קייקלדיק אַ רויש אַזאַ?
ניין — פּערעלעך צעשיט מיין קינד
פֿול די שטוב מיט פּאַ־פּאַ־פּאַ...

יעדער טאָג אַ וווּנדערפֿרייד
און די צייט זי גייט איר גאַנג.
שטייט אַ קינדער־בעכער גרייט,
ווו עס קאַפּעט יעדער קלאַנג.

לאָרעלײ

נחמה האָט אַ לאָשעקל,
מיטן נאָמען: לאָרעלײ.
אַזאַ געראָטן פערד׳עלע,
פאַרמאָגט די װעלט נישט צװײ.

אױפן קאָפּ אַ לאַמפּאַסל,
די לײצעס בליציק רױט
מיט הימל־בלױע אױערלעך
און מילעך־װײסע הױט.

די מאָרדקע מאַכט אַ טראָמבעלע,
װי עס װאָלט געמאַכט אַ מו...
געשפּאַנט ס׳איז אין אַ בענקעלע
און עס הױדלט זיך דערצו.

הױדלט זיך נחמהלע,
פלינק און פלינקער, הײ!
װיגנדיק און רײטנדיק,
אַ רײטער עלעהײ.

אַזאַ אַ שײנטשיק פערדעלע
ס׳פאַרמעסט זיך אין דער װײט, —
נאָר קלײן, צו קלײן דאָס שטיבעלע,
װו זאָל מען טאָן אַ רײט?!

מיין ביימעלע

די ערד מיט פינגער דינינקע
אין גאָרטן האָט געשניצט
אַ ביימעלע אַ גרינינקע,
וואָס חנדלט זיך און בליצט.

דאָס ביימל הייסט נחמהלע
און ס׳איז שענער נאָך פון שיין.
עס טראָגט דאָס זעלבע נאָמענלע
ווי ס׳קינדעלע מיין קליין.

ווען ס׳גיט די זון אַ שיינעלע
און ליכטיק ווערט די וועלט,
וואַשט זיך אַרום דאָס ביימעלע
מיט טויעלעך ווי קרעל.

עס גלעט עס אָפּ אַ ווינטעלע,
אַ רעגנדל באַגיסט; —
אַזוי וואַקסט אויך מיין קינדעלע,
אַ בענטשונג, אַ געוויקס.

האָב איך אַזאַ פאַרמעגן נאָר,
וועל איך שוין לעבן לאַנג.
ווייל יעדער טאָג פון יעדן יאָר
איז גאָלדענער געזאַנג.

דאָס קינד גייט שוין

געבענטשט זאָל זיין דאָס פיסעלע,
געשניצטער בוים פון פרייד.
דאָס קינד גייט שוין אַ ביסעלע,
אַליין דאָס קינד שוין גייט!

מיט הענטעלעך פאָרויסינקע,
ווי ס׳וואָלט געפיילט די לופט;
און אייגעלעך צוויי גרויסינקע,
צווייי זונעלעך פאַרגופט.

דאָס פיסעלע אַ הויבעלע —
ס׳איז שווער ווי אויף אַ טרעפּ.
אַ מענטשעלע אַ שטויבעלע
לאָזט אָפּ דער מאַמעס שלעפּ!

כ׳וועל אָפּטאָקן אַ לידעלע
צום זיבעטן קינד־חנעלע.
כ׳גיי אָנסטרויען מיין פידעלע:
דאָס קינד גייט שוין אַליינעלע!

ביינאַכט

אַ שטערן האָט אַ מגן־דוד אויסגעשימערט
און פּרוכטיקט אין מיין געדענקען;
פיר איך אים צו נחמהלען אין צימער,
איר פענצטער מיט אים צו פאַרהענגען.

מיט שענסטע תמונות איך פאַרצי עס —
מיט אַלע לבנהשע פאַזעס...
ווען ס׳וועלן צופאַלן נחמהלען די וויעס,
זאָל איר חלום זיין — אַ ליכט־אָאַזיס...

פרימאָרגן

וועז ס׳זינגט דער ערשטער מאָרגנשטראַל
אַ ניגון אויף די שויבן,
דאַן עפנט אויף מיין קינדעלע
די אייגעלעך — צוויי טרויבן.

צום נייעם שיינעם מאָרגנשפּיל
עס טאַנצן שוין די גלידער.
אין יעדן פעלדל פון אַ לאַך
געפין איך מיינע לידער.

איז יעדער טאָג אַ גלעקעלע,
אַ קלינגל — און פאַרשווינדט.
די באָבע שפינט אַ מעשהלע,
פאַרשטייט (צי ניט?) דאָס קינד...

אין שפּיגל פון דער אייביקייט
דאָס לעבן שטראָמט פאַרביי...
און באָבע אינעם אייניקל
געבוירן ווערט אויפסניי!

מאַמעליד

אין וויגעלע פון מיינע הענט
אַ ליאַלקעזון —
בלוט און פלייש...

אַ קיניגרייך פון שפּילצייג
בליאַסקעט אין מיין אויג,
און איך אַליין
ווער — אַ שפּילצייג קליין.
ווי דאָס בערעלע,
דאָס פּאַיאַצל,
דאָס פייגעלע
אין שטייגעלע.

איך הער אַ שטים:
גיב נאָר אַ שווינדל
מיט דיין גאָלדן שליסעלע —
און ברכהדיק,
שלאָגט דאָס בלוט פון ליד
אין צאַצקעלעך.

אין דימענט־שיכעלעך
גייט די פרייד
איבער שטוב —
און מיר ווערט זיס
פון פליושן גליק
אויסצוקנעטן
מיין
מאַמעליד.

ברוגז

רינגל צינגל רוגז,
אין ווינקל שטייט אַ ברוגז.
נישט געלאָזט זיך קאַמען,
נישט געפּאָלגט די מאַמען.

גרויס ווי ס'קלענסטע ניסל,
און ס'טופּעט מיט אַ פיסל...
ראָזעטקעלעך פון טרערן,
ליכטיקער ווי שטערן.

ווען פונקען רעגן קלינגען, —
אַ טייכעלע פון רינגען,
די פיסלעך טאָפּטשען, קלאָטען,
ווי קאַטשקעלעך אין בלאָטע.

רינגל צינגל — פיל זען;
וואָס מען טאָר נישט — וויל מען!
קינדער — נאָר געדעכטע,
אַלע גרויסע — שלעכטע!


Benn

אַ שטיבעלע

נחמה האָט אַ שטיבעלע
מיט שפּילעכלעך אַ סך.
אַ שטייגל פּאַר אַ בעבעלע,
מיט בלויען הימלדאַך.

אַ דעכל אָן אַ שינדעלע —
שויבערט ווינטל הערעלעך.
ווען עס וויינט דאָס קינדעלע,
טריקנט זון די טרערעלעך...

דאָרט אויבן אין אַ טראָנעלע,
ווינט אַ וואָלקן־ציגעלע.
ליגט עס אין לבנהלע,
אינעם זילבער־וויגעלע...

ווען עס פאַלט די נאַכטעלע,
קומט צוגיין אַ הימלפּיי,
שיט אַרויס פון שאַכטעלע
פונקעלעך פון שטערנשפּריי.

נחמהלעס געצעלטעלע
האָט שפּילעכלעך אַ סך.
אַ פּירקאַנטיקע וועלטעלע
מיט שטערנדיקן דאַך.

זמירל־פויגל

ציגל, מיגל,
אָטעם פליגל,
קיצי קעצעניו.
פלי, גוטמאָרגן, איבער וויגל
צו מיין קינדעניו.

זונען־מיידל,
ברענג אַ קליידל
מיט געזאַנגען־שטעך.
שיכעלעך פון וויסן זיידל,
מיט שטערן־קנעפּעלעך.

זמירל־פויגל,
קום פון שטייגל,
פלי אין שטוב אַריין.
ברענג נחמהלען אַ צווייגל
מיט אַ גאָלדנשיין.

ווען ס'קינד רעדט

דין דאַן דאָן,
דאָן דאַן דאַן,
אָט אַ שורה קלאַנגען
אינעם אויער מיין.

יעדעס וואָרט פון קינד,
וואָס אין טאָג פאַרזייט,
ווערט אַ נאָטנשפּיל
און אַ לירע גרייט.

אָט אַזוי אַ שאָט,
אָט אַזוי אַ זיי,
און דאָס אויער זאַלבט
טענער אַלערליי.

וואַקסן אויס אין ליד
קלאַנג אין וואָרט געגרעפּט,
זאַנגען אויסגעגליט,
אויפן פעלד — מיין העפט.

אַ מאַמע אָן קינדער

איך האָב אַ קעצל אין מיין הויז,
איז זי אַ גוטע מאַמע.
זי האָט צוויי קליינע קינדערלעך
מיט אַלע קעצלעך־טעמים.

עס זענען קינדערלעך שוין גרויס
אין ווייטער וועלט אַריין.
וויינט די מאַמע ווי אַ קאַץ,
זי קאָן ניט זיין אַליין.

זי דאַרף צו האָבן קינדערלעך,
צו וואַשן און צו נערן;
און ברענגט צו טראָגן ברעקעלעך,
ווי אַ פייגעלע אַ קערן.

זי רופט און וויינט און לויפט אַרום,
זי קאָן אַליין ניט עסן!
נאָר קינדער בלייבן קינדערלעך,
אין מאַמע שוין פאַרגעסן.

דרייט זיך אויף דער וועלט אַרום,
אַ מאַמע־קאַץ אָן קינדער,
אומעטיק אַזוי פאַרבענקט —
אַ פאַסטעכל אָן רינדער.

אַ קינד

פריידל איז אַ גרעסער מיידל
און קינדעריש איז נאָך איר חן.
נאָר קלעמונג האָט אַ סך שוין פריידל,
אַ סטרונע ציטערט איר געוויין.

„די מאַמע זאָגט כ׳בין אַ פוילע״ —
קלאָגט דאָס קינד פאַר נאָך אַ קינד.
ווען זי וויינט אַזוי פאַרטרוילעך,
טראָגט דאָס איבער מיר דער ווינט.

האָט אַ ליאַלקע נאָך צו פלעגן,
און וואַקסן וואַקסט זי — ווי אַ שאָס! —
לויפט פאַר מאַמען אַלע וועגן,
וואָס נאָך וויל מען פון איר וואָס?

„כ׳ווייס נישט וואָס איך זאָל נאָך מאַכן?
אין שולע אַרבעט איך מיט פלייס״ —
און ווי מען וואָלט איר אויף צו להכעיס
הייסן טראָגן ס׳גאַנצע הויז...

שטייט דאָס מיידל, פריידל הייסט זי,
ווי אַ ציפּרעס דין און גרויס.
אונטער לאַסט דאָס קעפּל בייגט זי,
ווי פון ווינט אַ יונגע רויז...


Benn

מאָלצייט

דאָס אויג
פון זון
עס אויף מיין קינד.
דאָס גאָלדן אייגעלע
פון זון...
זאָל דיר זיין
צו געזונט,
מיין קינד.
נאָך אַ זון־קייקעלע
אין דיין בלוט,
בלאַסינק מיידעלע מיינס.

ווען דו ווערסט
אַ מאַמעלע זיין —
און איך,
אין אַן אַנדער
פאַרוואַנדל,
געדענק,
אַז ערגעץ
האָט אַ בלאַט אויפגעכאַפּט
דורות וויבראַציעס,
וואָס שנירלען זיך
פון אייביקן,
פון ערשטן
מאַמע־ציטער...

אורה

אין שטוב קלאַפּט נאָך אַ הערצעלע
און ס׳לעבן שפּרייט זיך אויס.
נחמה האָט אַ שוועסטערל —
אַ ליאַלקעלע די גרויס.

און טאַקע שיין אַ ליאַלקעלע
מיט שפּילנדיקן בלוט.
דאָס הערצל קלאַפּט — אַ זייגערל
און וויגלט זיך באַרוט.

נחמה לאַכט צום שוועסטערל,
צום ערשטן לשון־קלאַנג...
אַ יאָר לעשט זיך — אַ ליכטעלע,
איר זעקסטער יאָר אין גאַנג.

די מאַמע איבער קינדעלע —
אַ ווערבע ציטערט קוים;
צעטרייסלט, נאָך אַ שוואַכינקע —
און שטאַרקער ווי אַ בוים!

אַזוי דער גורל מאַמישער
צו ליבשאַפט זיין פאַרשקלאַפּט,
פון שפּילעכלעך און ליאַלקעלעך
ביז קרוין פון דעם באַשאַף.

דער טאַטע מיטן קינדעלע
טאַנצט ווי מיט אַ תורה.
איז ליכטיק יעדעס ווינקעלע
פון איר נאָמען אורה!

קינדער־מאָטיוו

אין שטוב לויפט אַרומעט אַ שטראַל נאָך אַ שטראַל,
און ס׳גיסט זיך אין אויער אַ טראַלאַלאַ־קוואַל.

אָ, זעט ווער עס פּעכערט אַ פריילעכן ווינט,
אַט דאָס איז מיין אורה — דאָס ליכט פון מיין קינד.

און האַלט איך אין מיטן פון שרייבן אַ שיר,
עס ווערט אַ מאָטיוו פון געפּלאַפּל צו מיר.

איין רוח־הקודש ער פליט אינעם צווייטן
און נעמט אין מיין זינגען די יוצרות פאַרבייטן...

עס זינגט עפּעס אַנדערש וואָס זיין האָט געוואָלט —
אַט שעפּ איך פון אייגענעם גרובן פון גאָלד!

אַ שאָד צו פאַרלירן די טעג־שפּילעריי
פון קינדישן פּלאַטער, פון קלוג־צינגלעריי.

אַט נעמען די ציינדעלעך חנדלען צו מיר —
און איינבייסן זיך אין אַן אייביקייט־שיר...

הינטלעך

כ׳האָב הײנט הינטלעך צו פֿאַרקױפֿן.
קינדער, קומט אין מאַרק צו לױפֿן,
קומט צו לױפֿן צו אַ ייִד,
װאָס טראָגט אין קױשל אַ יריד.

קוקט און קװעלט־זשע, מײַנע קונים,
פֿון אַ שװאַרצן, װײַסן, ברױנעם.
אײנס װי אַ קאַנאַריק געל
מיט אַ שפּיגל פֿון אַ פֿעל.

קוקן הינט מיט שרעק פֿון קױשל,
אײנס ישׂראל, אײנס הײסט משהל.
אײנס מיט אַ פֿאַרריסן נעזל
ציט אַ שנעבל װי אַ העזל...

אײנס אַ גוידער טראָגט מיט כּבֿוד,
מיט אַ פֿלעקל מגן־דוד —
און בײַ אײנס אַ ייִדיש נעזל,
אײדל װי אַ קרישטאָל־גלעזל.

קױפֿט־זשע, קונים, נישט געגאַפֿט,
פֿאַר אַ זו אַװעקגעכאַפּט.
זיס װי צוקער אױגן צװײ
מיט קאָלירן אַלערלײ.

װערט אַן אָנגעלױף פֿון קונים.
לײבל, גימפּל, שמערל, גרונעם —
און פֿון אַלע קינדערס אױגן
שלײַפֿט זיך אױס אַ רעגן־בױגן.

כאַפּ איך ס׳קוישל נעם זיך לויפן,
כ׳וויל גאָר הינטלעך נישט פאַרקויפן!
פאַרן גאַנצן גאָלד פון וועלט
פריינד פאַרקויף איך ניט פאַר געלט.

ווען ס׳קינד שלאָפֿט

דער טאָג ווי אַ האָז איז אַנטלאָפֿן,
און נאַכט גיט מיט שטערן אַ פֿינקל.
אַ פֿלאַטער אַ מידער פֿאַלט שלאָפֿן,
מיין קינד — אירע שפּילצייג אין ווינקל.

די הילצערנע שפּילצייג אויף דר׳ערד איז,
ביים לאָשעק די גומענע ליאַלקע,
ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿערד איז
אַ פֿאַרוווּנדעטע בת־מלכּה.

דאָס שיפֿעלע מיטן מאַטראָזל
פֿאַרשווימט אין דער נאַכט מיט נחמה
צום טורעם, וואָס שטייט ווי פֿאַרלאָזן,
באַוואַכט פֿון אַ מילעך־לבֿנה.

די גאָלדענע קוקו פֿון זייגער
גלאָצט אין מעטאַלענעם שווייגן —
ס׳קאַנאַריקל, ווי ס׳איז זיין שטייגער,
זיצט זיסלעך פֿאַרדרימלט אין שטייגל.

אין אַקוואַריום דאָס פֿישל אַצינדער
זיך הוידעט אויף צוויי וואַסער־ווערלן,
אַ חלום וועבט אויס פֿאַר די קינדער
פֿון בראָקאַט און פֿון שופּענע קרעלן.

דאָס מילכל — אַ קלאַנג־אינסטרומענטל,
אָרקעסטער מיט כּישוף־געשרויפֿן,
עס וואַרט אויפֿן שפּיל־דיריגענטל,
עס וואַרט אויך די גריל אינעם אויוון.

זאָל זילבער פון טאָג נאָר אַ קלונג טון
מיט צוקער־פרימאָרגן אויף שויבן,
וועט קינד מיינס פון בעטל אַ שפרונג טון
און נעמען די שפּילצייג זיך קלויבן.

ווינטער

אַלע שינדלען אויף די דעכער
שפּרייטן אויס אַ ווייסן פּעכער.
צילט אַ שנייעלע אין שויב,
איינס צעפּאַלט אין ווייסן שטויב.

אַלע שנייעלעך באַגאַנד
ליוכטן אויף אין גאַנצן לאַנד. —
גייט אַ מענטש אין גאַנצן גראָ,
זעט ער אויס אַן „עסקימאָ".

ברעמען ווייסע, וויעס וויס,
און אַ פּאַרע — אַ שטיק אייז!
טאַנצן קינדער אַרום אים,
נעמען פּאַר אַ גולם אים.

מ׳גיט אַ טופּע מיט די פיס,
איז שוין וואַרעם ווי עס איז.
און דערצו אַ האָפּ, אַ זינג,
ווערט אַ טענצל און אַ רינג.

נחמהלען — צו איר ערשטן געבוירן־טאָג

כ׳וועל אייביק ליב האָבן דאָס ערשטע וואָרט מאַמע,
וואָס איז אַזוי וווּנדערלעך פאַרבונדן צו מיין שטאַם.
כאָטש דאָס צווייגעלע טראָגט ווערטער־בליטן שוין אַ גאַנצע גאַמע,
וואָס רייפן זיך אויף שפּיצן־ציינדלעך מיט אַ מילעך־טעם.

ס׳איז מיין אויער ווי אַ ים־מושלע פון אַ זינגענדיק געפּלאַפּל —
און טעג — זיי ווערן לאָגלען, אויסגעפּילט מיט זשמעניעס פרייד.
גאָר אַנדערש לייגן זיך די שעהען, שטאַפּל איבער שטאַפּל,
און יעדער טאָג איז אַ גאַזעל, אַ פלינקע שפּרינגערין פון צייט.

היינט איז שוין זונענטאָג, כאָטש ס׳איז די זון אין הימללאַנד פאַרבאָרגן.
דאָך גרויס איז, גרויס מיין האַרץ — אַ ליכטפּאַלאַץ — נאָך גרעסער!
איז מיר אַ שאָד צו חשבונען, דעם היינט צעבייטן אויף אַ מאָרגן;
איז מיר אַ שאָד — אַ טאָג פאַרמאַכט זיך הינטער שטערן־שלעסער.

גוט נאָוונט, שמעטערלינג

גוט נאָוונט, שמעטערלינג אויף שויב,
קלאַפּ אַראָפּ פון נאַכט דעם שטויב,
מאַך מיט פליגעלעך פאָך, פאָך,
ברענג פון לבנה מיר אַ פראָך!

ענטפערט שמעטערלינג מיט חן:
„לאָז מיך צו דיין ליכט אַריין,
ס׳איז די נאַכט מיר דאָ צו ענג,
נאָך אַ העלן שטראַל איך בענק.“

גיב איך ס׳פענצטער אים אַ פראַל —
רייט ער שוין אויף לאָמפּן־שטראַל.
כ׳הער אַ פרו־פרו און מיר דאַכט,
ער אַנטפלעקט אַ סוד פון נאַכט:

שוואַרצע נעכט און שטערן ווייס,
גרינע פּאַלמעס רויטער קרייז,
סודות, רויזן פונעם הימל,
וואָס אַ רויז נאָר טרוימט אין דרימל.

און איך הער מיט מויל און אוירן:
אויף אַ שטראַל איז ער געבוירן,
ס׳האָט אַ בלום אים אויפדערנערט —
נאָר לעבן קורץ איז אים באַשערט.

דער זייגער

צוויי ברידערלעך לויפן אַרום אינעם זייגער
איבער ציפערבלאַט גלעקלט געלויף.
זיי יאָגן זיך ווי אין אַרענע אַ שטייגער
און קושן זיך טייל מאָל צונויף.

דער גרעסערער ברודער איז דער ווייזער דער גרויסער,
וואָס לויפט אין גאַלאָפּ ווי אין וועט.
דער קלענערער ברודער רייט פלינק און פאָרויסער,
ווי אונטער אַ כישוף־באַגעט.

די ברידערלעך לויפן ווי שליחים און קלויבן
און זאַמלען די צייט און די שעה.
ווער קאָן דען זיי געבן פאַרשטיין און צו גלויבן,
אַז צייט איז אַ זאַק אָן אַ דנאָ...


Benn

פלאַטערלעך

ווען ס׳פאַלט פון קאַיאָר נאָך אַראָפּ דער פרימאָרגן,
עס סדרן אויס זיך די טאָגיקע זאָרגן.

עס פליט שוין די מאַמע — אַ פייל אויסן בויגן —
און קוקט אויפן זייגער מיט אַנגסט אין די אויגן.

דער טאָג אַזוי קורץ און דער עול אַזוי גרויס!
מען דאַרף דאָס קינד אָנטאָן און אויספּוצן ס׳הויז;

און רוימען און ציכטן און פלעגן די פלאַנץ —
איז אַ האָפּ און אַ דריי און אַוועק ווי אין טאַנץ.

דאָס קעפּל פון קינד ווערט אַ וועלטל, וואָס טראַכט,
איז פול מיט פאַרוואָסן דער טאָג ביזקל נאַכט.

ווען ס׳שיטן זיך פראַגן, נישט איין מאָל עס טרעפט,
ס׳נעמט אָפּ דיר דאָס לשון, די חכמה פאַרפלעפט!

מען גיט אַזש אַ קרעכץ און עס פאַלן די הענט...
ווערט ס׳קינד אויך אַנטשוויגן, ווי ס׳וואָלט שוויגן געקענט.

אָט קוקט עס — אַ וווּנדער — בלויז אויגן אין גאַנצן,
ווי ס׳טרייסלט די מאַמע דעם שטויב פון די פראַנדזן.

דעם בעזעם שטויבט אָפּ זי און אויף אים גיט אַ פאַל
ווי גאָלדענער סצעפּטער אַ זוניקער שטראַל.

און ס׳ציגל פון קינד גיט אַ קלונג ווי צום גראַמען:
„יאָ, פלאַטערלעך מאַכט מיטן בעזעם די מאַמע...“

חוהלע

אייגעלעך ווי פלאַטערלעך,
בעקעלעך — רויטער מאָן,
און אַ טעם האָט חוהלע
ווי אין יום־טוב מאַקאַראָן.

אויפן שטערן אַ פּרענדזעלע,
ווי אַ גרייצער־קרייזעלע,
דאָס פּיסקעלע — אַ ביכעלע
פון אַ קינדער־מעשהלע.

און אַ הויט אַ גלאַטינקע,
ווי אַ פּליושן בערעלע,
מאַכט זי אַ גרימאַסעלע,
קלינגט אַ זילבער־טרערעלע.

ווען זי גייט, עס דאַכט זיך אייך,
זי איז אַ ליאַלקע חוהקעלע.
ווען זי לאַכט, דאַן מיינט איר גאָר,
עס איז אַ מיי־קוקאַווקעלע...

זי לערנט זיך „אויף מאַמעלע",
צו קאָנען כאָוועץ קינדערלעך.
דריי פּרילינגען האָט חוהלע,
טאָ וואָס־זשע איז פאַרוואונדערלעך?

אַ באַנאַנע

אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע,
פּאָר גרויסע און פּאָר קינדער.
אַ מעשהלע פון מעשה־לאַנד,
פּאָר לעמער און פּאָר רינדער.

דערציילן, דערצייל
דאָס מעשהלע
מיט חכמהלעך באַגילדט,
וועל איך דאָס אין אַ לידעלע
איינפּאַסן ווי אַ בילד.

האָב איך טאַקע
איינס אַזאַ,
זיס ווי צוקערפּוך,
וואָס דאַרף מיט שטראַלן־פּיסעלעך,
אַריינגיין אין אַ בוך.

„זע נאָר, מאַמע,
מאַמעלע,
אַ לבנה־באַנאַנע הענגט". —
אפשר וואָלטסט אים — קינדלעבן,
אויף ערד אַראָפּגעברענגט?

„אוודאי וואָלט איך
די באַנאַנע
זיסלעך אָפּגעביסן,
נאָר ס'וואָלט דאָך מיר אַן עראָפּלאַן
דאָס הענטל אָפּגעריסן!".

פויגל, צויגל,
עראָפּלאַן,
וואָס שווינדלט אין די הייכן,
צוליב דיר קאָן אַ קינדעלע
די הימלען נישט דערגרייכן.

טאָ קום און פּאַל־זשע
הימלפּרוכט,
דו זילבערנע באַנאַנע,
ווייל מורא האָט אַ הענטעלע,
פּאַר אַן עראָפּלאַנע...

אַ מעשהלע
פון הימלליכט
מיט מלאכים־קלאַנגען,
איז מיט קינדער־שיכעלעך
אין בוך אַריינגעגאַנגען.

דודל

אַ ברודערל האָט חוהלע
פון צוויי מאָנאַטן יונג.
זיין נאָמענדל איז דודל,
הער, ווי עס רופט זיך גרינג!

ליגט ער זיך אין וויגעלע
אַ ליאַלקעלע אַ גרויס.
דוד איז אַ זונעלע,
איז ליכטיק אינעם הויז.

שוועבן, פאָכן הענטעלעך
פון וויגעלע אַרויס.
שיין איז ער — אַ מלאכל,
ס׳פעלן פליגלען בלויז...

חוהלע זיין שוועסטערל
זי פלאַטערט, שטיפט אַרום.
זי איז אַ זומער־פייגעלע,
איר ברודערל — אַ זון...

ווען ס׳שלאָפן איין די קינדערלעך,
אַ וואַרעמקייט זיך שפּרייט;
און פון אַלע ווינקעלעך
גייט אויף אַ שטילע פרייד.

מיכעלע

אַ בלאָנדינקער איז מיכעלע
מיט אַ לאָקן־קעפּל האָר,
און אויגעלעך האָט מיכעלע,
בלאָע שיפעלעך אַ פּאָר...

ער טראָגט אַ היטעלע אַ רויטס,
ווי אַן עפּל אויף אַ פּאָן —
און אין גאַנצן איז ער גרויס,
ווי אַ בלימעלע — אַ מאָן...

ער וואַרט נאָר, קיינער זאָל ניט זען,
און טוט זיך אָן דעם טאַטנס הוט.
הערט נאָר וואָס אַ שטיפער קען,
פאַרשטעלט זיך פאַר אַ ליליפּוט...

אַזאַ ראָלע שפּילט דער מיכל
און עס פּאַסט אים פאַר זיין גרויס —
ווי אַ קעצל אין אַ שיכל,
ער קריכט אין לעכל פון אַ מויז.

אַן אייעלע

אין אַ טעלערל
איז געלעגן,
ווי אַ זון אין טייכעלע,
אַן אייעלע.

אַ קינד
האָט דאָס אייעלע
באַדויערט
און באַטרויערט:
„אָרעם אייעלע
מיט בלייכע בעקעלעך
און געלב הערצעלע,
באַלד
וועסטו ווערן
צוקער־לעקעכלעך"...

דאָס אייעלע
איז געלעגן
פאַרקלערט
און סודותדיק שטום
זיך איינגעהערט:

„איצט
לעבסטו נאָך
אין אַ טעלערל,
מיט דיין ריין הערצעלע,
דעם געלעכל.

דו לאָזסט זיך
באַוואונדערן
ווי די קראָ
פון פוקס...

זאָג איך דיר צו,
כ'וועל דיך נישט פאַרגעסן,
פּיצעלע אייעלע,
נאָר כ'האָב דיך אַזוי ליב,
אַז כ'מוז דיך אויפעסן"...

פון דער פאַרוואַנדלונג
האָט דאָס קינד געטראַכט
אין גאָטס שפּראַך.

ס׳קינד טאַנצט

װען פֿאַרהאַנג פֿראַלט אויף זיך
און ליכט גיט אַ גלעט,
פֿון ריטעם שפּאַלט אויף זיך
דער קראַנץ פֿון באַלעט.

מוזיק גיט אַ שימער
אין אױ׳גן־אַרבּיט —
אַ דימענטער גלימער
דאָס בלוי־דוניי־ליד.

די הענטלעך אַ פֿליסל,
אַ פֿלאַקער מיין קינד!
אין קרייז שווימט דאָס פֿיסל —
אין טייכל אַן אינד.

די סטרוניקעס שאַרפֿן
בליציקער װערן.
צום ווילטאָג די האַרפֿן
באַוועגן די שטערן...

שלאָג, קינד מיינס, — אַ פֿינקל
פֿון דימענט אַרויס;
טאַנץ אויס דיר אַ ווינקל,
דיין װעלטל טאַנץ אויס!


Benn

פרילינג

ראָזע בעקלעך האָט דער פרילינג,
גרינע לייצעס האָט זיין פערד.
קומט צו רייטן אויף זיין ליבלינג,
פראַלט אויף הימלען, לאַכט די ערד.

און די ווערבעס ביי דעם טייכל
בייגן זיך צעוויגט פון ווינט.
זיצט דער פרילינג ווי אַ שמייכל
אויף אַן אויסגעבאָדן קינד. —

אַלע זאָרגן, אַלע פּלאָגן
נעם צו, ווינטער, אין דיין העק.
כאַפּ דעם לאָדן אויפן וואָגן,
ערגעץ אין דער ווייט פאַרשטעק.

דו, מיין פרילינג, קום אַ טענצל,
דריי אונז אין אַ קאַראַהאָד.
קינדער פלעכטן דיר אַ קרענצל,
פאַרן הויך פון דיין גענאָד.

פון זעלבן מחבר:

טוי פון שטילקייט — לידער. פּאַריז 1951

אַ נײַ לעבן — דערציילונגען. פּאַריז 1959

שטערן אין מיין שויב — לידער. פּאַריז 1961

Imprimerie « Les Editions Polyglottes », 232, rue de Charenton, Paris-12e